# קען אייער בעיבי אייך הערן?

## אייער בעיבי דארף נאך א סקרינינג

ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט

# פארוואס דארף מיין בעיבי נאך א סקרינינג?

אייער בעיבי'ס הער-קראפט איז גע'סקרינ'ט געווארן נוצנדיג **אדער אטא-אקוסטיק עמישענס** (Otoacoustic Emissions, OAE) **אדער אודיטארי ברעינסטעם רעספאנסעס** (Auditory Brainstem Responses, ABR)**, אדערביידע**. (א סקרינינג איז א שנעלע איבערקוק צו זען אויב אייער בעיבי הערט).

עס איז געווען אוממעגליך צו באקומען א גוטע ערשטע סקרין פאר איינס אדער ביידע אייער בעיבי'ס אויערן. אסאך בעיביס מוזן ווערן גע'סקרינ'ט נאכאמאל. אייער בעיבי'ס באוועגונגען, קולות אין די צימער, אדער פליסיגקייטן אין די אויער נאכ'ן געבורט האבן מעגליך געפירט צו פאלשע רעזולטאטן. עס איז גאר מעגליך אז אייער בעיבי האט נישט קיין הער-קראפט פארלוסט, אבער מיר מוזן איבערקוקן צו מאכן זיכער.

דאס בעסטע איז צו נאכאמאל סקרינ'ען אייער בעיבי'ס הער-קראפט אינעם עלטער פון צווישן איין וואך און איין מאנאט. א שטאב מיטגליד אין שפיטאל וועט אייך העלפן אויסוועלן א דאטום צוריקצוקומען דאס טון. אדער, וועט מען אייך זאגן וואו צו האבן אייער בעיבי'ס הער-קראפט איבערגעקוקט נענטער צו אייער שטוב.



# הער-קראפט סקרינינג רעזולטאטן

בעיבי'ס נאמען

דאטום פון ניי-געבוירענע הער-קראפט סקרינינג

## אייער בעיבי איז נישט ערפאלגליך אריבער די ערשטע הער-קראפט סקרינינג אין:

☐ביידע אויערן ☐רעכטע אויער ☐לינקע אויער

# אייער בעיבי'ס אפוינטמענט צו סקרינ'ען נאכאמאל

אייער בעיבי'ס הער-קראפט וועט ווערן נאכאמאל איבערגעקוקט אין ביידע אויערן.

צייט און דאטום

פלאץ

קאנטאקט נומער

## מעטאד פון סקרינינג

☐ OAE ☐ ABR

## באמערקונגען

## עס איז וויכטיג צו ערשיינען ביים אפוינטמענט צו סקרינ'ען נאכאמאל

די צווייטע סקרין איז איין וועג צו נאכקוקן ווי גוט אייער בעיבי הערט. הערן איז זייער וויכטיג. אייער קינד דארף הערן קולות צו לערנען וויאזוי צו רעדן און לערנען וועגן די וועלט. הערן איז זייער וויכטיג אין די ערשטע מאנאטן צו פארמיידן מעגליכע פראבלעמען מיט שפראך אדער שולע-ארבעט שפעטער אין לעבן. דאס איז די סיבה פארוואס מען קוקט איבער די הער-קראפט פון אלע בעיביס אין ניו יארק סטעיט.

אויב איר פארפאסט אייער אפוינטמענט צו סקרינ'ען נאכאמאל, וועט מען אייך מעגליך אנרופן פון די שפיטאל, אייער בעיבי'ס דאקטער אדער קליניק, און/אדער די אירלי אינטערווענשין פראגראם אין אייער קאונטי.

## גרייט צו אייער בעיבי

עס וועט העלפן אויב אייער בעיבי וועט שלאפן דורכאויס די סקרינינג.

1. פרובירט נישט צו לאזן אייער בעיבי שלאפן איידער די אפוינטמענט.
2. זייגט אייער בעיבי גלייך פאר די סקרינינג. דאס וועט אים אדער איר מאכן מער שלאפעדיג.
3. ברענגט א דעקע, איבריגע פעמפערס, א טויש פון קליידונג, און איבריגע פארמולא, אויב גענוצט.

## וואס וועט פאסירן נאך מיין אפוינטמענט?



איר, אייער בעיבי'ס דאקטער אדער קליניק, און די שפיטאל וואו אייער בעיבי איז געבוירן געווארן וועלן באקומען די רעזולטאטן. מערסטנס מאל, גייען די בעיביס ערפאלגליך אריבער די צווייטע סקרינינג. אבער, אפאר בעיביס וועלן דארפן א מער פולקאמע הער-קראפט איבערקוק. אויב דאס איז נויטיג, וועט דער מענטש וואס טוט די צווייטע סקרינינג אייך זאגן וויאזוי זיך צו אומגיין דערמיט.

# קוקט איבער אייער קינד'ס הער-קראפט און שפראך

אפילו אויב אייער בעיבי איז ערפאלגליך אריבער די סקרינינג, איז נאך אלס וויכטיג צו איבערקוקן אייער בעיבי'ס הער-קראפט אפט. די ליסטע* אונטן וועט איך העלפן נאכגיין אייער בעיבי'ס הער-קראפט ווען ער אדער זי ווערט עלטער. גוטע הער-קראפט העלפט קינדער ערפולן די זאכן אויף די טשעק-ליסטע. אויב איר האט סיי וועלכע זארגן איבער אייער קינד'ס הער-קראפט, ביי סיי וועלכע עלטער, רופט אייער בעיבי'ס דאקטער אדער קליניק.

## גוטע הער-קראפט טשעק-ליסטע*

### געבורט ביז 3 מאנאטן

- ווערט שטיל ווען ארום טאג-טעגליכע שטימעס אדער קולות
- ריאגירט צו הויכע קולות: *בעיבי דערשרעקט זיך, בלינק'ט, הערט אויף זייגן, וויינט, אדער וועקט זיך אויף*
- מאכט לייכטע קולות ווען וואך: *בעיבי גורגל'ט*

### 3 ביז 6 מאנאטן

- דרייט אויגן אדער קאפ אין ריכטונג פון קולות: *שטימעס, שפילצייג וואס מאכט קולות, א הינט וואס בילט*
- הויבט אן מאכן קולות ענליך צו ווערטער: *"גא", "או", "בא" און פ, ב, מ* קולות
- רעאגירט צו א טויש אין אייער וועג פון רעדן

### 6 ביז 9 מאנאטן

- רעאגירט צו ווייכע קולות, ספעציעל רעדן
- רעאגירט צו אייגענע נאמען און קוקט ווען ווערט גערופן
- פארשטייט איינפאכע ווערטער: *"ניין", "ביי-ביי", "טרינקען"*
- רעדט אן ווערטער: *"דא דא דא", "מא מא מא", "בא בא בא"*

### 9 ביז 12 מאנאטן

- רעאגירט כסדר צו סיי ווייכע און הויכע קולות
- זאגט נאך איינציגע ווערטער און מאכט נאך קולות פון חיות
- ווייזט אויף שפילצייג און עסן וואס האט ליב ווען געפרעגט

**גענומען פון די קאליפארניע דעפארטמענט פון העלט סערוויסעס' טשעק-ליסטע.*

## 12 ביז 18 מאנאטן

- נוצט 10 אדער מער ווערטער
- פאלגט אויס איינפאכע אנווייזונגען: *"נעם די באלי"*
- ווייזט אויף מענטשן, טיילן פון קערפער אדער שפילצייג ווען געפרעגט
- *"טאנצט"* צו מוזיק

## 18 ביז 24 מאנאטן

- נוצט 20 אדער מער ווערטער
- לייגט צאם צוויי אדער מער ווערטער: *"מער טרינקען"*, *"וואס איז דאס?"*
- נוצט פילע פארשידענע אותיות ביים אנהויב פון ווערטער: *ב, ג, מ*
- הערט זיך צו צו איינפאכע מעשה'לעך און לידער

## 2 ביז 3 יאר

- נוצט זאצן מיט צוויי אדער דריי ווערטער
- ביי 2 יאר, איז אייער קינד'ס שפראך פארשטענדליך טייל מאל (25%-50%)
- ביי 3 יאר, איז אייער קינד'ס שפראך פארשטענדליך מערסטנס מאל (50%-75%)
- פאלגט אויס צוויי-שריט אנווייזונגען: *"נעם די באלי און לייג עס אין די פושקע"*

**אייער קינד'ס הער-קראפט קען און זאל ווערן איבערגעקוקט ביי סיי וועלכע עלטער.**



# מער הילף
# פאר אייער בעיבי



אויב אייער בעיבי האט א הער-קראפט פארלוסט, אדער קען מעגליך האבן א הער-קראפט פארלוסט, וועט איר קענען דארפן מער הילף. בעיביס, קינדער מיט ספעציעלע געברויכן, און זייערע פאמיליעס קענען באקומען הילף פון די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט'ס אירלי אינטערווענשין פראגראם (Early Intervention Program, EIP).

EIP שטעלט צו הער-קראפט סקרינינג און טעסטינג, און שטיצע פאר אייך, אייער בעיבי, און אייער פאמיליע. צו לערנען מער, רופט אייער דאקטער, קליניק, אדער די EIP אין אייער קאונטי אדער בארא.

צו לערנען מער איבער הער-קראפט סקרינינג פאר ניי-געבוירענע אדער EIP, רופט:

**(518) 473-7016**

אדער, באזוכט די אירלי אינטערווענשין פראגראם וועב בלאט אויף:

**www.health.ny.gov/community/infants_children/early_intervention/**

צו רעדן מיט אייער לאקאלע EIP, רופט:

**אויפוואקסן געזונט (Growing Up Healthy)**
**24-שטונדיגע האטליין**

**1-800-522-5006**

TTY: **1-800-655-1789**

אין ניו יארק סיטי: **311**

# קען
# אייער בעיבי
# אייך
# הערן?

**אויב אייער קינד איז געבוירן געוואָרן אין א שפיטאל אין ניו יארק סטעיט, דארפט איר זיך נישט וואונדערן. מען קוקט איבער די הער-קראפט פון אלע בעיביס אין ניו יארק.**

פאלגט אונז נאך אויף:
health.ny.gov
facebook.com/NYSDOH
twitter.com/HealthNYGov
youtube.com/NYSDOH

NEW YORK STATE | Department of Health